איר געוואַלטיקן שנאָבל. אַ מאַמע־אָדלער אירע קינדער צו באַשיצן.

אין איר מעכטיקער יידישער נאָז האָב איך דערזען דעם זייל, וועלכן דער שאַפער פון הימל, מוירער פון ערד און דעקאָראַטאָר פון פרילינג האָט אַוועקגעשטעלט סאַמע אין מיטן פּנים פון אַ פאָלק; אַ פאָלק וואָס איז אַלט, און צעפאַלט, און — ווערט אויפסניי איבערגעבויט.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאקס

אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.1. 3 אַזייגער.

שבת, דעם 19־טן פעברואַר, וועט זיין גאַנץ געווידמעט דאָס שאַפן פון י. ל. פרץ. נאָך אַ קורצן אַריינפיר־וואָרט וועט די שוישפּילע־רין דאָראַ דימענט פאָרלייענען: „דער משוגענער בטלן" און „מאָניש" פון י. ל. פרץ, י. ביטש וועט פאָרלעזן פון חסידיש. מ. ווייסגראָס „באַנטשע שווייג" און ראָכמאַן וועט דעקלאַמירן די באַקאַנטע פּאָעמע „דער בעל עגלה".

שבת, דעם 27־טן פעברואַר, אַ פייערונג לכבוד 25 יאָר רויטע אַרמיי. עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעדעס און רעציטאַציעס משה עובד, י. א. ליסקי, אייזיק גאָלדבערג און נאָך אַנדערע.

שבת, דעם 6־טן מערץ, צום 20־טן יאָרצייט פון דוד פרישמאַן וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַ רעפעראַט איבער פרישמאַנ׳ס שאַפן אין יידיש און העברעאיש. די שוישפּילערין דאָראַ דימענט וועט פאָרלייענען פון זיינע ווערק. פרוי מאַרקוס וועט דערציילן עראינע־רונגען פון פרישמאַנ׳ס פּערזענלעכן לעבן.

שבת, דעם 13־טן מערץ, וועט דער זשורנאַליסט יוסף פרענקל האַלטן אַ רעפעראַט איבער די יידיש־עסטרייכישע שרייבער, ריכאַרד בער־האָפמאַן, סטעפאַן צווייג און אַנדערע.

**א. נ. שטענצל.**

6 פּענס

---

פאַרלאַג און דרוקעריי, י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן.

37/40

לאָנדאָן-ווייטשעפל 15-טן יוני, 1943

# פריינט פון יידיש-לשון

## פון די יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

דער פּראַקטישער ציל פון די נאָכמיטאָגס איז קודם־כל צו האָבן אַן אָרט אַ צוויי שעה אין דער וואָך כאָטש, ווו יידיש־ריידנדיקע און יידיש־פאַרשטייענ־דיקע מענטשן זאָלן קאָנען גייסטיק אויסרוען, אַ מקום־מנוחה געפינען ווו ס׳זאָל זיך אַרויסאַרבעטן פון אונזער שאַפן אַן אַטמאָספערע פון געהויבנקייט און אַ שלות־הנפש — דאָס וואָס יעדע קולטור איז אין פּראַקטישן זין קודם פאַר זיין פאָלק, זאָל אונזערע זיין פאַר אונז. ליידער איז דאָס פּאָליטישע, און צו אָפט אויך דאָס פּערזענלעכע, אַזוי ווייט זיך פאַרקראָכן אין אונזער אָרימען יידישן וועלטל און שטייען אַזוי אין פאָדערגרונד אויף יעדער מזרח־וואַנט, אַז די מחיצה פון אידעאַליסטישן ביז צום געשעפטלעכן איז כמעט שוין אינגאַנצן אַוועקגענומען.

דאָס בית המדרש, דאָס חסידים־שטיבל, די סינאַגאָגע, דאָס קינסטלערישע יידישע טעאַטער איז געווען אַמאָל דער מקום מנוחה פאַר׳ן גייסטיקן איך, דער מקום־קדוש זיך אינערלעך צוזאַמענצונעמען. ליידער עקזיסטירט עס היינט נאָך קוים פאַר אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענטטייל און פאַר גאָר ווינציקע מאָ־מענטן.

פאַר׳ן אָפענעם ארון־קודש, ווו אונזערע איינרייסנדיקע מאַמעס האָבן אָפּ־געראַטעוועט זייערע שטאַרבנדיקע קינדער, ווערן איצט געמאַכט די בזיונות׳־דיקסטע „ביזנעסלעך", אַז דאָס האַרץ גייט איינעם איבער בעת מ׳זעט עס; און אויף די טעאַטער־ברעטער ווו נעכטן האָבן די זעלבע סטאַרן באמת קינסט־לעריש געשפּילט אַ קלאַסישע דראַמע, האָצקן זיי היינט אויף, אַז דו פאַר־שטעלסט דיר די אויגן נישט צוצוקוקן, דו ווילסט נישט זען דיין אייגענע חרפּה.

די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס איז דער פּראַקטישער פּראָטעסט אויסדרוק געגן די וועלכע זאָגן, אַז דאָס־אַ, אָקאָרשט דערמאָנטע, דאָס קול־טיש־וואָדעווידילישע „יוניטעד"־גראָשענדיקע, איז כלומרשט דער ניוואָ פון אונזער ישוב דאָ! און ביי מאַנכע „גרויס"־פּאָליטיקער פונ׳ם שלילת־הגאָלוס קומט אויס, אַז דאָס איז שוין דער קולטור ניוואָ חלילה פון אונזער גאַנצן פאָלק. (דרך אגב נאָר: די טיכטיגע פּאָליטיקער זיינען טאַקע אַ שטיק חייב אין דעם קולטור צושטאַנד פון אונזער קיבוץ דאָ; זיי זיינען אַזוי טרוד כסדר מיט זייערע תציל־ממות־פושקעס־קלאַפּעריי, אַז זיי פאַרגעסן שוין אפילו אונטערצובראָמען דעם „צדק לפניו יהלך". פון שונאים פון דער יידישער מאָדערנער קולטור, די אַסימילאַטאָרן, איז דאָך שוין אָפּגערעדט!).

מיר, די פריינט פון יידיש לשון, די וואָס גלויבן און זיינען היילik איבערצייגט, אַז אַ פאָלק אָן גייסטיקע שעפערישקייט קאָן נישט עקזיסטירן, און אַז דאָס יידישע פאָלק איז געווען און איז כסדר אין פּראָצעס פון קולטור שאַפן, מיר באַמיען זיך און מיר זיינען זיכער אַז מיר וועלן קענען באַווייזן, אַז אונזער מאָדערנע ליטעראַטור און קונסט קאָן זיין אַ גייסטיקער מיט־רעזערוואַר פאַר יידישער דערציאונג און לעבענס דערפרישונג. זיכער איז אונזער אַלטע קולטור־ירושה גרויס, אָבער אַז אַך און ווי איז שוין צו יענע יורשים, וואָס לעבן בלויז פון׳ם איבערגעלאָזענעם ירושה אוצר.

אַלנפאַלס פאַר אונז, די צענדליקער מנינים יידן, וואָס מיר טרעפן זיך מדי שבת לשבת ביי די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס, איז עס שוין מער ווי אַן עקספּערימענט, ווי אַן אידעאַליסטישער בלויזער גלויבן; פאַר אונז זיינען די ליטעראַרישע שבתים שוין געוואָרן אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט, אַ פּראַקטישע פשוטע אַנגעלעגנהייט פון פיזישע און פסיכישע אָנרעגונג און דערנערונג, אַן אויפפרישונג פון געפיל און גייסט. סיי פאַר׳ן גרויסן עולם צוהערער, סיי פאַר די זיך רעפּראָדוצירנדיקע די רעפערענטן און פאַרלייענער פון אונזערע קלאַסיקער און מאָדערנע שרייבער און פּאָעטן, זיינען די שבת׳דיקע נאָכמיטאָגס אַ קוואַל פון התעוררות און אינערלעכקייט צו שעפּן דערפון אין אַלע שווער׳ע איצט טעג פון דער גאַנצער צעטומלטער וואָך.

אָ, די מאַכטלאָזיקייט אונזערע צו שטיין אַזוי מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט בשעת די גרויסע קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געקומען איצט איבער אונז! און וואָס קאָנען מיר טון צו ראַטעווען אונזערע טאַטעס און מאַמעס, אונזערע שוועסטער און ברידער? אַ מינימום כאָטש צו טון צו העלפן זיי אין זייער עת צרה? זאָל עס כאָטש זיין „עמי אנכי בצרה"! הערנדיק פאַרלייענען און דעקלאַמירן פון די ווערק פון אונזערע קלאַסיקער, פון אונזערע שרייבער און עלטערע און יונגע פּאָעטן, זיינען מיר צוזאַם אינ׳ם „עמק הבכא" פון אונזער פאָלק, ריידן מיר מיט זיי, וויינען מיר מיט זיי — שוויגן מיר מיט די „באַנטשע שוויגס" און אונזערע הערצער ווערן פול פון גלויבן! און אויפלאַכן קאָנען אונזערע שווערע געמיטער — טראָץ אַלעם! — אַז מיר האָבן אַזאַ „טביה" מיט אַזעלכע גערעטענע טעכטער. און קאָן מען אונז אומברענגען אַז מיר האָבן אַזאַ „טאַטן מיט בנים"?

און אפשר מוזן קומען שעה׳ן פון צער איבער אונזער לעבן, אַז אונזער קולטור זאָל כסדר זיין אַזוי שעפעריש ווי זי איז — עס זיינען די שווערע שעה׳ן פון חבלי־לידה! ס׳גייט קיין איין מענטש נישט פאַרלוירן פון אַזאַ שעפערישן פאָלק, חלילה, דער מינדסטער נפש נישט, אַ „פּישקע דער קרומער" נישט, אַ „יענקל שאַפּשאָוויטש" אפילו נישט, ווען אַ פאָלק איז גייסטיק שעפעריש — יאָ, אַלע וועלן מיר בלייבן לעבן און אומשטערבלעך!

און דאָס באַוווסטזיין און די אינערלעכע זיכערקייט האָבן מיר אויך, ווען מ׳לייענט פאַר פון די סאָוויעט־יידישע שאַפונגען, פון די אַמעריקאַניש־יידישע שרייבער און פּאָעטן, יאָ אפילו פון אונזערע שרייבער דאָ אין לאָנדאָן. מיר אייבערצייגן זיך, צום וויפילטן מאָל, אַז אונזער קליינער ישוב דאָ אפילו איז סוף



כל סוף גאָר נישט אויף אַזאַ נידריקן ניוואָ ווי מ׳וויל כסדר אונז איינשמועסן, מסתמא פון עפּעס אַן אינטערעס וועגן: פון „גם לי וגם לך לא יהיה"...

יאָ, אויך פאַר די פאַר גייסטיק ערנסט און שעפערישע מענטשן דאָ זיינען די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס אַ געוויסער סטימול, אַ וואַרעמע סביבה און זיי קאָנען עס נאָך מער זיין און פאַר אַ גרעסערן קרייז.

אַ באַוועגנדיקער קרייז האָט די טבע, אַז אויב אפילו ער ברייט זיך נישט אין זיין גאַנצער לענג און גרויס, רעגט ער אָן אַ צווייטן קרייז, אַ דריטן, און אַזוי אַרום רעגט ווידער איינער דעם צווייטן אָן. דאָס איז דער גאַנצער סוד פון דער אייביקער באַוועגונג. ווילן מיר נאָר וואַרפן אַ פּראַקטיש וואָרט, בשעת מיר ריידן איצט נאָר פון דער פּראַקטישער זייט פון די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס: נישט דער שאַבלאָנישער קולטור־קהלן זיך און דער קולי־קולות „אידעאַליזם"־געשריי און נישט דאָס פּאָליטישע טומלען זיך איז נויטיק איצט אויף אונזער גענוג שוין צערודערטער גאַס; „די שטילע וואַסערלעך וואָס גראָבן זיך טיף" זיינען נויטיק יענע מים־חיים׳דיקע דערפרישנדיקע קוועלכלעך, וואָס שטילן די אומרו אינ׳ם אויפגעציטערטן האַרץ און ברענגען מינוטן פון שלוה און אינערלעכע מנוחה.

## נאָר אַ פּראַקטישע עצה

(פאַר געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס וואָס האָבן די אַמביציע, אָדער עס לוינט זיך זיי צו זיין קולטור־טעטיק אויף דער יידישער גאַס)

מוזן מיר דאָך נאָך דערציילן פון אַ מאָדנעם ספּעקטאַקל מיט אַ „העפּי־ענד"! מיר האַלטן נישט פאַר וויכטיק זיך מטפל צו זיין מיט אַזעלכע און ענלעכע פאַקטן (עלעהיי וואָס ס׳פאַרלויפט זיך נישט אַלץ אויף דער יידישער גאַס!...) וואָרום אַחוץ וואָס ס׳איז אַ שאָד דאָס פּאַפּיר און די צייט דערפאַר, נאָר אויב מ׳זאָל זיך אָנהויבן אַריינלאָזן אין אַזעלכע למשל ולשנינה קליינלעכקייטן וועלן ביידע נישט מער קלעקן, נישט דאָס טייערע פּאַפּיר אַצינד און די נאָך טייערערע צייט; נאָר ווייל ס׳איז זיך פאַרלאָפן גראָד היינט, דעם 14־טן יוני, ערב דעם שליסן דעם היינטיקן העפטל און ס׳איז נאָך ממש וואַרעם, קלעפּט ער, דער פאַקט, מעלאָדראַמאַטיש צווישן די פינגער:

האָבן מיר דאָ אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס רייסט זיך ממש די פאות אויס פאַר יידישקייט און קולטור און אַ צווייטע, וועלכע האָט פשוט די פאות שוין אויסגעריסן פאַר יודנטום־יהדות און חכמת ישראל. האָבן זיי זיך ביידע צוזאַמענגענומען און אַרויסגעקומען מיט אַ קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונג אויף דער יידישער גאַס, — איז עס טאַקע געווען דאָס דאָזיקע און דאָס אמת׳ע, אַז ס׳זאָל רינען איבער דער באָרד, אַז ס׳זאָל זיין פון וואָס צו לעקן די פינגער; הערט און וואונדערט זיך: — מ׳איז אַרויסגעקומען מיט אַ דראַמע פון משה ריכטער!

פרעגט עס זיך: ווו זיינען געווען די רבי׳ס־רבנים־„יוניאָן" און דער „רוב מנין און רוב בנין" פון די „פּען־קלוב מיטגלידער" פון׳ם שרייבער־קלוב (יע־

דער פון די צוויי דערמאָנטע אינסטיטוציעס האָט זיך געשאַפן און „באַהערג באַרגט“ אין זייער געצעלט אַזאַ מין „מאַשקע“־יוניאָן, אָדער קלוב — אפנים ס׳געהערט נאָך צו זייער פּאַטריאַטישע אָפּשים־פּאָליטיק...) אַז מ׳זאָל לייכטזיניק צולאָזן צו אַזאַ מין הפקרות ? צי ווייל ס׳האַנדלט זיך אין אויסנוצן דעם פּרעסטיזש פון דער יידישער ליטעראַטור מעג מען שוין אַלצדינג ? האָבן פוילישע יידן נישט קיין אַנדערע דראַמאַטיקער, ווי איינעם, וועו נישט פון די טאַטעס, איז ער איינער פון די הויפּט מחותנים פון דער יידישער שונד־דראַמע,— משה ריכטער ?

„הצרי אין בגלעד“ ? פעלט אונז אויס די דאָזיקע צרה דאָ אין ווייטשעפּל ?! איז דאָס טאַקע די רבניש־דערציערישע מעטאָדע צו טהרת המשפּחה, די געשפּילטע דראַמע פון משה ריכטער ? זיינען דאָס די לאַרבער־קרענץ־פּרוכט פון באַרימערישע (די פריינט פון יידיש לשון, ביי וועלכע ס׳איז נאָך פאַראַן דער ווילן צו שפּראַך ריינקייט, פאַרוועקסלט זיך נישט דאָס וואָרט באַרימערישע מיט באַרימטע) „פען־קלוב־מיטגלידער“ ?

ווו ס׳ליגט אין דעם מאָדנעם ספּעקטאַקל דער „העפּי־ענד“ ווילט איר וויסן ?

אַז קלינגען מיט דער פּושקע צווישן די אַקטן פון אַ טעאַטער־שטיק איז שוין טאַקע בילכער און בכבוד׳יקער פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אַז מ׳טוט עס פון דער אָפענער בינע אַראָפּ ביי משה ריכטער׳ס אַ ספּעקטאַקל, איידער מ׳טוט עס ביי דער „גאָלדענער קייט“ פון י. ל. פּרץ — עלעהיי פאַר׳ן אָפענעם ארון־קודש !

אויב מיר שטעלן זיך דאָך אָפּ אויף דעם פאַקט און די צייט און דאָס פּאַפּיר איז נישט קיין שאָד, איז עס אויך נאָר בלויז לשם פּראַקטישן צוועק: אינסטיטוציעס, וואָס ווילן אָנגיין אויף דער יידישער גאַס און פאַרלאַנגען אויך גייסטיקן פאַרטרויען, זאָלן זיי זיך טאַקע פאַרזען נאָכאַמאָל — — און אויב מיר וואַרפן זיך אַזוי שנעל מיט אומזיסטע עצות, איז עס אויך נאָר, ווייל מיר זיינען נאָך חס אויפ׳ן כבוד פון יידישע רבנים, און נאָך מער, מיר געבן קרעדיט אַ יידישן שרייבער־קלוב און אַ צווייט מאָל זאָלן זיי נישט מער אַדורכלאָזן, אַז ס׳זאָל אַרויסקומען אויף דער יידישער גאַס אַזאַ מאָדנע ספּעקטאַקל.

## די שלום-עליכם פייערונג

אין דער גרויסער שלום־עליכם־פייערונג, וואָס ווערט יעצט צוגעגרייט פאַר דער יידישער גאַס דאָ אין לאָנדאָן פון „יידישן קולטור־קלוב“, וועלן „די פריינט פון יידישן לשון“ האָבן צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק, סיי אינם העלפן טעכניש אַראַנזשירן די פייערונג און סיי אינם אויספיר פונם קינסטלערישן פּראָגראַם. אַחוץ, וואָס יעדער ענין אין שייכות צו שלום־עליכם ליגט אונז ממלא שוין נאָנט און תמיד צום האַרצן, ליגן מיר אויך אַ סך אויף אָפּעטערע צוזאַמענאַרבעט מיטן „קולטור־קלוב“, ווייל מיר ווייסן גענוי, אַז ס׳איז דער יידישער פּראָלעטאַריער און דער האַראָפּאַשניק, קודם־כל פאַר אַלע,



אין וועלכנס אינטערעסן ס׳ליגט מיטצוטראָגן די פולע אחריות פאַרן יידישן וואָרט. —

עס איז הויפּטזעכלעך דער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש אויף וועלכן מיר קוקן מיט פולן צוטרויען ווען ער טוט קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. (כאָטש מ׳מוז נישט איינמאָל אָוועקקוקן פון טאַקטישן פעלער, אָדער אָן עסטעטישן...) ביי אַנדערע שמעקט עס לײדער, צו אָפט, מיט עפּעס אַ קליינלדיקלדיקן־פּאַרטייאישן“, (נישט איין מאָוסקייט וויל זיך טיילמאָל פאַרהילן אונטער אַ פאַרטיי־מאַנטל !), אָדער פּאָליטישן הינטערגעדאַנק, כאָטש מיר האָפן תמיד און מיר זיינען אויך זיכער, אַז פון דעם שלא־לשמה וועט סוף־כל־סוף מוזן ווערן אַ לשמה, פילן מיר זיך דאָך טיילמאָל אַ ביסל אומאָנגענעם, פון דער אויסניצערישע באַציאונג צו דער „שפּחה“־יידיש, וואָס פילט זיך כמעט תמיד אין דער בעל־ביתלדיקער יידישע קולטור־אַרבעט פון געוויסע קרייזן און אויך יחידים אויף דער יידישער גאַס. לײדער איז דער פאַרדאַכט, צו אָפט, נישט קיין אומזיסטער.

## א באגריסונג-בריף צו דער „טביה“-אויפפירונג

ווייטשעפּל, דעם 10־טן יוני, 1943.

ליבער פריינט מאיר צעלניקער !

שוין זעענדיק די פּלאַקאַטן, ליכטיק צעקלעפּטע אַזוי אין אונזערע פאַרהושכ׳טע געסלעך דאָ, מיט די גרויסע קדיש לבנה־אותיות: „טביה דער מילכיקער !“ האָב איך שוין אונטערגעשפּרונגען: שלום עליכם, שלום עליכם ! !

זיכער קום איך צו אייער ערן־אָוונט — אַז איר האָט אונז אַזאַ גרויסע ערע אָנגעטון ! און וועט קיין פּלאַץ נישט זיין ווו צו זיצן, וועל איך אויך קענען באַשטיין — עלעהיי אַ ייד שטייט ביי דער גאַנצער שמונה עשרה !

יאָ, דאָס זיינען די קלאַסיקער פאַר דער מאָדערנע ליטעראַטור — אונזערע יינגע אבות !

אַ גרויסן דאַנק אייך קודם פאַר אָפּקלויבן שלום־עליכם׳ס אַ פּיעסע פאַר אייער ערן־אָוונט.

און אייך גופא, ליבער צעלניקער, וואָס זאָל איך אייך זאָגן ? איך ווייס דאָך, אַז עכטע קינסטלער האָבן פיינט קאָמפּלימענטן ! אָבער דעם אמת וויל דאָך אַ קינסטלער הערן: נישט איינמאָל, זעענדיק אייך אַזאַ האַצקע טון אויף דער בינע, בשעת ס׳גאַנצע טעאַטער הויבט זיך פון געלעכטער, טוט דאָס האַרץ מיר אַזוי קאַמיש ווי, איבער אונזער גורל איבער אייער גורל — — — אָבער דאָך אויסווישנדיק אַ טרער פונם אויג (פון גרויסן געלעכטער !) טראַכט איך מיר: איז דען פאַראַנען גרעסערס אין היינטיקער צייט ווי יידן מאַכן לאַכן ?...

היינט אָבער אין אייער ערן־אָוונט, אין אייער טביה־אָוונט, טראָג איך שוין אַנטקעגן אַ טרער אינם אויג, נאָך איידער איר קומט אויף די בינע אַרויס, פון געדריקטקייט און פריידן — ווי ס׳וועלן זיך דאָס די פּסוקים היינט אָוונט שיטן פון אייערע מויל, אונטערגעשלאָגן מיט סמעטענע ! ! חלב ודבש וועלן אייך שלינגען פון אייערע ליפּצן, און איך וועל זיך פילן ווי ביים טאַטן אין ווייגגאָרטן.

זייט מיר הארציק געגריסט מיט אייערע אלע מיטשפילנדיקע קאלעגן און מיט מארקאוון בראש, און זעט אונז אפטער אזא כבוד אנצוטון, מיר האבן עס זייער נויטיק!

אייער, א. נ. שטענצל.

---

י. ביטש

## שלום עליכם פייערונג

עס איז איבער 25 יאר זינט דער גרויסער יידישער ווארט קינסטלער שלום עליכם איז טויט, די יידישע קולטורעלע ארגאניזאציעס, מיט די באטייליגונג פון פריינט פון יידישן לשון, ארגאנזשירען א גרויסע פייערונג אין די פיפעלס פעלעס, מייל־ענד, איסט, אין אנדענק פון דעם פאלקס דיכטער און גרויסן יידיש הומאריסטישן שריפטשטעלער, וואס האט אזוי גוט פארשטאנען פריי און פרייליך צו לאכן אן שום הינטערגעדאנק פון מוסר.

שלום עליכם האט זייער גרויסע פארדינסטן לגבי די יידישע ליטעראטור, און נאך איידער עס איז ביי אונז געווען א טעגליכע פרעסע, איז שוין שלום עליכם געווען א באליבטער גאסט ביי יעדן ליבהאבער פון יידישן ווארט.

ליטעראטור איז דאס אויג דורך וועלכן א פאלק זעט די וועלט! די יידישע ליטעראטור איז דער שפיגעל פון דעם פאלקס לעבן. עס דערבליקט זיך זעלבסט דורך זיינע דיכטער און שרייבער, וועלכער שעפען פונם פאלק, עס איז בלי־ספק, אז שלום עליכם האט געזען דאס יידישע לעבן אין אלע זיינע פאזען. די קליינליכע געשעפטן, נארישען שטאלץ א.ז.וו. און ווי שלום עליכם אליין פארזיכערט אונז אז די כתרילעווקער איינוווינער זיינען אזוינע ארימעלייט, בעטלער, ווי די קאבצאנסקער, דאך איז א כתריאליק נישט אזא ארימאן א כתריאליק (וואס מיינט ארימאן) זאגט ער עס מיט אזא נגון, ווי ער וואלט למשל זאגען איך בין קיין עין־הרע א כתריאליק, און וואלט מורא האבן, אז אימיצער וועט חס־וחלילה מקנה זיין, און עס קען אים שאטן צום געשעפט.

שלום עליכם איז זיכער דער פאפולערסטער שריפטשטעלער ביי אלע טיילען פונם פאלק, זיינע ווערק זיינען כמעט די איינציקע אין די יידישע ליטעראטור, וואס רופן ארויס א ליינענדיקן פארגעניגען. ער איז א גרויסער קינסטלער און זיין קונסט האט אויך דעם ציל צו אמוזירען דעם עולם. מיט רעכט ווערט ער באצייכענט אלס דער מארק טווין אין די יידישע ליטעראטור.

דער פאלקס דיכטער און שריפטשטעלער איז אן אלטער ליבער פריינד אינם יידישן וועלטל. זיין לאכן איז אפשר פיינליכער און שמערצליכער ווי טרערען גופא. דאך איז כמעט נישטא קיין איין אינטעליגענט יידיש הויז און פאלקס מענש, וואס זאל זיך נישט קוויקען מיט א שטיקעל שלום עליכם. עס איז גענוג צו דערמאנען איין העלד אדער א טיפ זיינעם, וואס עס רופט גלייך ארויס א שמייכעל, און מען פארגעסט כאטש אויף איין מינוט דעם עמק הבכה און די פינסטערע קאשמארען וואס רינגלען ארום דאס יידישע לעבן.

די פייערונג איז אין צוזאמענהאנג מיט אן אויסשטעלונג פון שלום עליכם׳ס



שאפונגען און בילדער, וואס איז דירעקט געקומען פון סאוויעט רוסלאנד, פון דער שלום עליכם מוזעום.

עס איז צו ערווארטן, אז די יידישע באפעלקערונג וועט זיך באטייליקן אין דעם אנדענק פון אונזער גרויסען פאלקס דיכטער שלום עליכם.

---

## דער אנהויב פון יידישן הומאר

1

דער יונגער מענטש נעמט אלצדינג אויף טויט־ערנסט — מיט פארוואונדערונג, אדער באוואונדערונג! ראמאנטיש פארקלערט איז ער, ווען ער ליבט; אזוי אלט־קלוג קומט ער זיך פאר ביי יעדער קליינסטער דערפארונג. פול מיסטישע ענטפלעקונגען איז זיין אייגענער גוף! דערפאר איז די אלטע קולטור אונזערע, פון דער ביבלישער עפאכע, פון אונזער יוגנט־צייט, אזוי פאטעטיש־ערנסט, פול מיט וואונדער און באוואונדערונגען. פאטריארכען און העלדן גייען ארום תמיד מיט אנגעצויגענע מינעס, דרך־ארץ וועקנדיקע. אזוי אן יעטווידן פיצעלע געלעכטער איז אונזער אלטע ליטעראטור.

שווער איזגעווען דער מהלך פונ׳ם ווערנדיקן מענטש; פון דער ווילדער אור־נאטור זיך אפרייסנדיק, רייסט זיך זיין געלעכטער פון אים ארויס מיט א ריפ פון זיין לייב. איבער זיין לאכנדיקער חוה צו אהבה און יאווע איז זיין וועג, און דער צעכארכלטער כא־כא־כא בלייבט אים שטעקן פון שרעק, ווי א ביין אין האלז. און אז אך און ווי איז שוין דעמאלט, ווען דער געטלעכער נביא צעלאכט זיך אמאל, דעמאלט איז עס שוין איבערן בראך פון דער וועלט, איבערן פאל פונ׳ם מענטש, פונ׳ם בן־אדם.

אנגעטון אין די גאלדענע קרוין קאן מען, העכסטנס, צו זיינע אונטערטעניקע זיך אראפלאזן און מאיעסטעטיש א שמייכל טון; און טראגנדיק דעם דערנער־קראנץ אויפ׳ן קאפ ווירקט דאס טיפסטע געלעכטער נאר טראגיש; די טאנצנדיקע פאפירענע מיץ, אויפ׳ן פאלטן־צעקנייטשטן קאמיש־באוועגלעכן שטערן, איז עס וואס מאכט לאכן די מענטשן. אבער, א קלאג צום פנים איז דעמאלט, ווען מ׳שטעלט זיך אוועק אין אזא מין פאזע פאר׳ן שפיגל זיך אליין צו געפעלן — עס ווירקט קאמיש! עס איז דאס אוועקשטעלן זיך אין א פאזע, דאס זיך וועלן געפעלן ווערן, וואס מאכט עס קאמיש. צו קענען שטיין אזוי אין זיין גאנצע טראגיק, נישט געפעלן צו ווערן קיינעם, נישט אקייגנאיבערן שפיגל און אן יעטווידע פאזע — די געפארעמטע פערזענלעכקייט, וואס האלט אויס דעם לעכערלעכן וואקל צווישן זיין און נישט זיין, דאס איז הומאר.

2

ערשט מיט רבה בר בר חנא׳ס גוזמאות הויבט זיך אן אונזער הומאר, ריכטיגער געזאגט אונזער יידישע סאטירע! סאטירע ברויך נאך די גוזמא, דעם קרומען שפיגל מיט די פארדרייטע גרויסע ליניעס— די מאסקע מיט דער קרומער גרויסער נאז! וואס געוואלטיקער און וואס קרומער, אלץ שטארקער

און ווירקנדיקער קאָן זיין די גרימאַסע, די אומגעלומפּערטקייט. וואָרום סאַטירע, פונקט ווי סאַרקאַזם איז נאָך אַלץ געגנווירקונג און אינערלעכער בייזער אויסדרוק קייגן פרעמדע איינווירקונגען און אויסערלעכן דרוק.

אָבער ווי לאַנג קאָן דאָס דער מענטש גיין אַזאַ אָנגעלאָדענער זייטיקער דורך יענעם שפּיציקן צאַרניקן בליק מיט טויזנט שנאה׳דיקע אויגן, אפילו דאָס צישנדיקסטע יאַשטשערקע־געלעכטער, דאָס שלאַנגיק־קלוגסטע, ווי לאַנג קאָן עס איינעם שיצן—סאַטירע, סאַרקאַזם איז דאָך סוף כל סוף תמיד נאָר פאַר יענעם, ד. ה. זיין געפיל־אויסדרוק, זיין שטימונג־צושטאַנד בנוגע צו יענעם, צום אַנדערן. מ׳לאַכט דאָך קיינמאָל נישט צו זיך סאַרקאַסטיש, אָדער איבער זיך סאַטיריש און האָבן דערביי שפּעריש הנאה. און דער ציניקער ווידער איז דאָך נישט טיף ער זאָל הערגרייכן אין אין טיפעניש פונ׳ם האַרץ — ער איז אָדער גיפטיק פאַרביטערט, אָדער גייסטרייך לייכטזיניק! עס איז צו נקמה׳דיק, אַז ס׳זאָל זיין שפּעריש, אַז ס׳זאָל זיין נאַטירלעך פּראָסט און האָבן אין זיך נאַטור — מ׳צווינגט פּלפּול׳דיק מיט׳ן דרייענדיקן פינגער!

דאָס גוזמא׳דיקע רבה בר בר חנא געלעכטער, יענע אותיות הפורחות באויר זיינען דאָס געווען אונזערע ערשטע אַריסטאָפאַנישע „פייגל“, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף אונזערע זיך אויסלייטערנדיקע ש״י־עולמות הימלען. און נאָך אין די טוניעיאַדעווקע בלאָטעס, אין מענדעלע׳ס שול־גאַסל, קוואַקען נאָך יענע אַריסטאָפאַנישע „זשאַבעס“. אָבער ווי לאַנג קאָן מען דאָס גיין דורך דער פרעמדער וועלט מיט אַזאַ געמאַכט געלעכטער? און מיט דער נאָדלדיקער שפּיציקייט פון אַן אבן עזרא? און די בלאַנזשענדיקע פאַרשווענדערישקייט פון עמנואל הרומי? ס׳אייגענע האַרץ הויבט עס דאָך שוין אָן צו לעכערן! און אין מיטן זיין פאַרטראַכטקייט ס׳וואַכט אויף דער בעש״ט ביי זיין חבריא, איז עס דאָך אין וואַנזין פון הימלישער חדוה, אַזוי שכינה׳דיק איבערמענטשלעך — ס׳איז יענע ערשטע בשורה־ברענגענדיקע וווּנדערלעכע לאַך־טויב: „יונתי תמתי“.

3

אין דער ברייטקייט פון אייגענעם האַרץ, אין דער טיפעניש פונ׳ם געמיט, אין דער זאַטקייט פון אייגענעם לעבן, „ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן“, שוימט אויף דאָס געשטילטע געמיט ווי אַלטער ווין אין איבערגייענדיקן בעכער — הומאָר איז דער שפּערישער „עד דלא ידע“ פונ׳ם נאַטירלעכן מענטש, מ׳ווייסט נישט פאַרוואָס און צו וואָס „דער נאַר שטופּט“, „עס שטעכט דער האָבער“, פון „הוילער הויט“ פּלאַצט מען אויס אין אַ געלעכטער. אין הומאָר לאַכט מען קיינעם נישט אויס מער — מ׳פרייט זיך ווי אַ קינד וואָס מ׳איז געבוירן! וואָס מ׳לעבט אויף דער וועלט! ס׳איז די באַנייטע צווייטע יוגנט — זאָל עס זיין אין אַ גלגול אפילו, אין אַ ריידנדיקן דיבוק; משלי־ און קהלת־דערפאַרונגען אין טביה׳ס פאַרטייטשונג.

יאָ, אַזוי אַרום האָבן מיר אַרויסבאַקומען דאָס וואָרט־שפּיל פון אונזער הומאָר: אַ פּסוק אונטערגעשלאָגן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אַ פּסוק אָנגעטון אין ע״ב פירושים — יעדעס וואָרט האָט אַ פּאַפּירענע מיץ שוין געטראָגן אויף זיין



צעקנייטשטן שטערן! און ווי האָט ער קאָמיש געדרייט מיט׳ן גראָבן פינגער יעדן אין די אויגן אַריין. די באָבע׳ס טשיפּיק אָנגעטון, אַ קוילעטש אויפ׳ן קאָפּ חתן־כלה אַקייגנטאַנצנדיק, אַזוי האָצקען די ווערטער אויף אין יידישן פאָלקלאָר, אין יידישן פאָלקס־ליד — אין גן־עדן, אויפ׳ן עץ־החיים שטייען צווי טירטלטויבן און וואָרקען זיך צו: „אַכציק ער און זיבעציק זי!“

און נישט גרינגער איז געווען דער וועג אויף צוריק! פון יאַוועו, אהבה צו דער לאַכענדיקער טביה׳דיקער חוה — ס׳איז הער וועג צוריק צו דער נאַטור, צום פערזענלעכן נאַטירלעכן איך, צום שטאָלץ און כבוד פון דער אייגענער פערזענלעכקייט; צו דער זאַפטיקער הנאה פון „וואָס מיר זיינען זיינען מיר —“ מיט אַלע רמ״ח אברים זיך טובל׳ן אינ׳ם שפּרודלדיקן פאָלקלאָר פון אַ פאָלק, וואָס גייט אַפּ אין זיין בלוט, ווידער געבוירן צו ווערן דערין; מיט פריש בדמיך־וואָס ... חיי געווינען ווידער אין לאַכעדיקע וויקעלעך געוויקלט צו ווערן! דעמאָלט ווערט מען גערייניקט פון אַלע מיאוסקייטן און „קלעפּיקייטן“, פון אַלע יסורים און בלוטווייטיקן — אין פערספּעקטיוו פון נצח׳דיקייט צעשפּיגלט מען מיט יעדן בלוט־טראָפּן אַזוי וווּנדערלעך און נאַטירלעך; ערשטער קינדישער אויפלאַכן איז דער ריטם דעמאָלט פון אויפהעשנדיק־געשטילן, פון האַפערדיקן שלאַגנדיקן האַרץ.

•

אויף צעפּיקעניש אַלעמען, דאָס איז נאָך איבער די שפּאַקולן אַריבער יענע מענדעלע־סאַטירע; חוזק מאַכן פון יענעם, קאַטאָוועס טרייבן פון זיך איז נאָך קאַמף מיט ווינד־מילן. דאָס סקעפּטיש־גלויביקע: אַז מ׳ווייסט נאָך גאָר נישט וועך ס׳וועט לאַכן צום סוף! איז דאָס סודות׳דיקע, דאָס הלצה׳דיקע פּרץ׳עס ערנסטער שמייכל אין זיינע דיקע וואָנסעס אַריין! שפּירן אין זיך די פרייד פון זיין, דאָס איז דער שלום־עליכם־הומאָר! דאָס איז דאָס אויפקוועלן פון דער נאַטור אין איבערגייענדיקן קוואַלנדיקן האַרץ, יידישלעך איבער׳ן גאַנצן פּנים אויסגעגאָסן. און נישט נאָר איז שלום עליכם איצט דער גרויסער יידישער הומאָריסט, נאָר ער איז דאָס לאַכנדיקע בן־זקונים׳ל פון דער וועלט־ליטעראַטור.

א. נ. שטענצל

---

א. ג. בערמאַן

## איך פאַרקויף העפטלעך

(פאַר׳ן פערייַן פריינט פון יידיש־לשון)

מ׳פלעגט דערציילן, אַז אַלטע אָבער אַמאָל געוועזענע לייכטזיניקע פרויען פלעגן אויף דער עלטער זיצן און נייען טלית־קטנ׳ס. איך בין אויך אַמאָל געווען יונג, אָבער ווייל איך בין ניט קיין אידענע און קען נישט נייען, איז מיר אויף דער עלטער נאָר איבערגעבליבן זיך צו בעראָטן מיט א. נ. שטענצל. ער זאָגט מיר גאַנץ פּשוט, אויב איך וויל טאַקע אָפּקומען פאַר מיינע אַמאָליגע חטאים מוז איך נעמען אַ פאָר הונדערט פון אונזערע העפטלעך און זיי פאַרקויפן. איך פאָלג אים, און לאָז זיך מיט זיי אין מיין טאָרבעלע אַוועק אין די הייזער און אין די לאָנדאָנער אָפיסעס און ביזנעסעס.

באַלד באַלד נאָכדעם דערמאָנען מיינע „קונים“ מיך וואָס דער גוט באַ־

קאַנטער לאָנדאָנער הומאָריסט א. ביילין („דער אייגענער") ביי זיין אַפּשייד אָוונט צו זיין אָפּפאָר קיין ארץ ישראל (39־5־20). ער האָט אונז דעמאָלט דערציילט: „דער בוכהענדלער ענטפערט מיר, עס איז אמת דאָס ער קען ניט פאַרקויפן יידישע ביכער! פרעג איך אים, וואָס פאַרקויפט איר דאָך. ענטפערט ער מיר, אַם מייסטנס פאַפּירענע יאַרמעלקעס".

אויך איך שפיר מער און מער ווי שווער מיינע אַרבייט איז, אָבער איך בין באַשלאָסן מיינע העפטלעך צו פאַרקויפן, און אויך דער לאָנדאָנער עולם צו דערמאָנען אָן די וויכטיקייט פון יידיש פאַר אונזער פאָלק און פאַר אונזער גייסט, און דאָצו אַלעמען איינצולאַדן צו קומען יעדן שבת נאָכמיטאָג 3 אור אין שעלטער 63 מענסעל סטריט.

איך קום אַריין אין אַ גראָסערי שאָפּ וווּ אַ אידענע שטייט און בעט זיך, אַז דער אַלטער קרעמער זאָל איר פאַרקויפן נאָך עטוואָס, אָבער ער ענטפערט איר ניין, צוואַנציג מאָל ניין! איר האָט ניט גענוג פוינטס!! די אידענע דערזעט מיך און זי הערט ווי דער אַלטער ליטוואַק זאָגט מיר, ער האָט קיין אינטערעסע אין מיינע העפטלעך; זי גיט מיר זעקס פענס, נעמט מיין העפטל, לייגט עס איבער איין איי, אַ האַלב פונט מאַרגאַרין און אַ גרויסע שטיק זאַלץ, אין איר קערבעלע און גייט אַהיים.

איך דערמאָן זיך אָן די ווייבער, וואָס האָבן אַם אָנפאַנג פון די מלחמה געקומען אין מאַרקט, האָפנדיק צו קויפן דאָרטן באַנאַנען, אָראַנדזשען, א.ז.וו. פאַרשוווּנדן ווי פאַראַיאָריגער שניי! זיי זיינען גאָר ניט צופרידן, אָבער זיי פאַרזוכן צו ווייזן די וועלט ווי העלדיש זיי פילן זיך, זיי קויפן אייניקע פאַפּירענע בלומען, לייגן זיי אַריין אין די ליידיגע קערבעלעך און גייען אַהיים.

נאָך אַ קרעמער זאָגט מיר ער שיקט אימער טשעקס, איך דערמאָן זיך אָן די בעקאַנטע באַמערקונג פון מיין באַנק אויף די לינקע זייט פון די צוריק־געשיקטע טשעקס „ר־ד". נאָך אַ קרעמער דערציילט מיר ער קריגט אונזערע העפטלעך פער פאָסט. איך טעלעפאָניר אָן די שטענצל־בורא, דער געשעפטס־פירער דאָרטן ענטפערט מיר דאָס ער האָט דורכגעזוכט אַלע ביכער אָבער ער געפינט עס נישט. אַלזאָ איז געבליבן מיינע אַרבייט דאָך נישט אומזיסט: עם הארץ, שקרן אָדער אַ פיינט פון יידיש,ביידע זיינען אונז עגאַל...

דער יוּוועליער אין בלאַקליאַן יאַרד קויפט ניט מיין העפטל טראָץ איך ווייז אים אונזער אַנאָנס אין „די צייט", ער מאַכט די אויסרייד דאָס ער גלויבט מיר נישט, און ער באַטראַכט מיין מיסיאָן „לשם שמים"... און אויב נישט וווינט ער צו ווייט אַוועק פון מענסעל סטריט. מסתמא וווינט ער שוין אין יענע געהויבענע געגענדען וווּ מ'שעמט זיך שוין מיט יידיש.

גאָר צו גוט גייט עס מיר אין אַ גרויסעס געשעפט אין בריק ליין, מ'רופט מיך אַריין אין איבערן בורא, מ'גיט מיר אַ ווייכן שטול, דער מאַן רעדט זייער פריינטלעך און קלוג, די פרוי איז שיין און אינטעליגענט, זי און די יונגע שיינע טאָכטער ריידן פריינטלעך און האַרציק. גאַנץ אונפאַרהאָפט און אומערוואַרטעט קומט אַריין אַ קעלנער מיט טיי און עקסטראַ גוטע קוכן, מ'גיט מיר אויך איינע, איך קוק אויף אַלעס, מיר ווערט ליבטיק און וואַרם דרויסן



און הייסער דרינען. איך דערמאָן זיך אָן מיינע בעקאַנטע און פריינטליכע פאַמיליעס אין פּאַריז און אין וויען, איך וויל זינגען „איך קוסע איהרע האַנד מאַדאַם" אָבער איך פיל זיך פאַרלאָרן: פאַר מיר איז עס אונמעגלעך וועם פון די ביידע, די מוטער אָדער די טאָכטער האָרף איך אָנביטן מיין לעצטגעבליבענע און בעסטע העפטל, אין זאַלכע סיטואַציעס בין איך אימער פאַרלאָרן.

אין בערוויק סטריט קויפט אַ יונגער־מאַן אַ העפטל פאַר זיין געליבטע באַבע. אין די בוראָס און אין פאַרשידענע געשעפטן קויפן יונגע מיידלעך העפטלעך פאַר עלטערן, זיידעס און באָבעס. איינציגע מאָל האָב איך באַמערקט אונבאַשרייבליכע ליבע צו די מתנה'ס מיט וועלכע די יינג־לידיעס בעהאַנדלען מיינע העפטלעך, ווי זיי עפענען די קליינע בייטעלעך, נעמען אַרויס דעם זילבערנעם סיקספּענס, טראָגן אַוועק און באַהאַלטען דעם העפטל און טראַכטן וועגן עטוואָס טייערעס. די אַלע סצענען בין איך געצוואונגען צו איבערלאָזן אונזערע ליבע דיכטער.

אין בעטהנאַל גרין באַזוך איך אַ האָלץ דרעקסלער, ער פרייט זיך מיט מיר און דערציילט מיר ווי איך האָב אין אים דערוועקט זיינע אַנטשלאָפענע און האַלב־דערשטיקטע ליבע פאַר אונזערע יידישע ליטעראַטור. איך דערצייל אים דאָס איך בין יעדן שבת נאָכמיטאָג אין מענסעל סטריט, אויך דאָס איך בין אין די קאָמיטעט פון אונזער פאַריין „פריינט פון יידישן לשון", ער און איך פילן זיך גליקלעך.

איין איבעראַשונג דערלעב איך אין ספּרינגפילד פאַרק, איך הער הינטער מיר אַ פריינדליכע מענער שטימע וואָס זאָגט, פאַרקויפט מיר אייך אַ העפטל. איך דערקען אים נישט, אָבער שפּעטער דערמאָן איך זיך דאָס ער איז איינער פון אונזערע אינטענזיווע מיטאַרבייטער, איך פיל זיך גאַנץ פאַרלאָרן ווייל איך האָב אים נישט באַלד דערקענט, איך בין אָבער זער צופרידן וואָס ער זעט מיר אויך טעטיק אין אונזערע גוטע אַרבייט.

דרויסן פון אַ שוסטער געשעפט אין אָלד מאָנטאַגיו סטריט פרעגט מיר אַ ייד וואָס איך זוך, איך ווייז אים מיינע העפטלעך, ער שרייט ער וויל נאָר עטוואָס פון קאַרל מאַרקס, אפשר מיינט ער איך בין אַ מוכר ספרים, אָדער ער האָט איינפאַך האַלט צו שרייען, ער הערט נישט אויף, לויפט מיר נאָך און שרייט „קאַרל מאַרקס! קאַרל מאַרקס!"... איך באַטראַכט אים גוט, ער זעט ניט אויס צו זיין אינטעליגענט גענוג אום צו פאַרשטיין די ווערק פון קאַרל מאַרקס. איך רייד מיט זיך אַליין, ווען גאָט העלפט מיר מיט אַ ביסל קאַפּיטאַל וואָלט איך וועטן זעקס פענס, די גאַנצע פרייז פון מיין העפטל, דאָס דער זעלבער שרייער קען איבערהויפּט ניט לייענען.

צו די וואָס שרייען דאָס אונזער העפטל זאָל זיין אין ענגליש, ענטפער איך, ווי וואָלט עס אויסזעהן ווען די „דיילי מייל" וואָלט אַמאָל געדרוקט ווערן אין יידיש. יידיש פאַר די יידן, וואָס קען נאָך זיין מער לאָגיש.

איין ייד האָט מיר אָנגעבאָטן געלט אום אונזער העפטל זאָל געדרוקט ווערן האַלב יידיש האַלב ענגליש. איך טרוי זיך גאָר נישט אַ זאַלכע פּלאַן אונזער פעריין צו דערציילן, וואָרעם איך פאַרליר זאָפאָרט מיין פּאָסטען. צו גוט ווייס איך אונזער אידיאַל, צו פאַרשפּרייטן און דערוועקן די אינטערעסן פאַר די יידישע ליטעראַטור.

## א. נ. שטענצל — פרילינג 1943

1

נישט דער פרילינג, דער ליכטיק צעשטראַלטער,
מיט דעמבעס מיט ליפּעס, צעבלעטערט און גרין,
מיט צווייגן קנאָספּנדיק צעשטרעקטע,
צו די פייגל וואָס קומען אָן באַלד צו פליִ׳ן —

אָנגעפּאַרענע טאַנקס און האַרמאַטן,
אונטער „קאַמופלאַזש“ אַזוי קונציק באַדעקט,
און דער הימל ס׳איז אַ פלאַכטע אַזאַ,
אַ בלוי באַפאַרבטע מיט גאָלד־קלעקן באַפלעקט.

נישט פייגל געפלאַטער פאַר באַגינען,
האָפערדיק אָנגעפלויגן פון ערגעץ ווייט,
אונטער דעכער נעסטער זיך צו בויען,
און יעטווידעס האַרץ אָנצופילן מיט פרייד —

פינסטערע סאָוועס פון דערנאַכט אַרויס,
מיט בייזע בשורות קומען אָן צו פליִ׳ן
באַמבעס אַזעלכע, ווילד־צעפלאַטערטע,
מיט גרויל און מיט טויט און מיט וויסטן רויִן.

2

צווישן בייטן, צווישן פריש־פאַרפלאַנצטע,
אַ סטראַשידלע אַזאַ כ׳וואַקל אין ווינד,
נישט מיט מיינע הענט — לייד׳יקע אַרבל
שאַרן זיך ווי עפּעס טאַפּנדיק און בלינד.

פון גיפטיקן גרין, בלענדנדיק אַרום,
מרה־שחוריק ס׳איז צעפרעסן מיין בליק —
אַ זיך אַריינרייסנדיקער באַמבער
דאַכט זיך מיר יעדע זומזעדיקע מיק!

אָ, די בלומען און די בליטן ריחות,
אויפגייענדיק פון יעדן קנאָספּ און צווייט,
די געהירן מיינע צו צעמישן,
גאָזן אַזעלכע ס׳האָט ווער אויסגעשיט.

— — — — — — — — — — — —

יאָ, אַ סטראַשידלע אין ווינט ס׳איז דער מענטש,
עמעץ־ווער האָט אים אַזוי אויפגעשטעלט,
ביז אַ צייטיקע ס׳וועט אויפגיין די פרייד,
ליכטיק צעשטראַלט איבער דער גאַנצער וועלט.



## נאָך צוויי פרילינג לידער היי־יאָר
(אויף די קברים פון אונזערע פאַרמוטשעטע און געקוילעטע)

1

דער בליענדיקער, דער ליכטיקער גינסטער,
דער אויפפלאַמענדיקער בעז און דער גאָלדרעגן —
אָן אבל וואָס קומט אָן מיט בלומען־קרענץ,
דער פרילינג היי־יאָר אויף אַלע מיינע וועגן.

די זון פון די פרישע וואָלקנדלעך אַרויס,
אַזאַ בלענדנדיקע, אַזאַ שטעכיק־רויטע —
שאַרלאַך אויפבלענדנדיקע קראַפּיוועס,
פון אונטער מצבות צוקאַפּנס פון טויטע.

אָ, דער ערשטער היי־שניט אין פרילינג היי־יאָר
צונויפגעשאַרט אין אַזעלכע הויכע סטויגן —
גאַנצע חמרים־קופּעס געקוילעטע
הויבן זיך פאַר מיינע פאַרפינסטערטע אויגן.

און פון קושאַק אַראָפּ די בלעטלעך יאַסמין,
מיט זייער גערוך אַזוי שאַרף און האַרבלעך,
ווי ס׳וואָלט אַ נאָנטע האַנט זיך אויסגעשטרעקט,
אויף מיינע שוואַרץ־אַפּלען צו לייגן די שאַרבלעך.

2

אַז מיין לאַץ קריעה־געריסן היי־יאָר,
ווי קאָן מען בלומען דאָרטן אַריינשטעקן?
און קאָן איך דען זיי וועמען איצט ברענגען,
אַז מיין האַרץ פול איז מיט טויט און מיט שרעקן.

אָ, יעדע בליענדיקע בלום היי־יאָר,
פאַר אַ קראַנץ אויף אַ פרישן קבר צו לייגן,
און צוקאַפּנס פון אַ נאָנטן טויטן,
יעטווידער בוים מיט צעקנאָספּעטע צווייגן.

און דאָס טשוויטשערן ציטריק אין דער לופט,
דאָס זיינען נישט פויגלישע פרילינג־לידער,
ס׳איז אַזאַ גרויליקער טרויעריקער זיפץ,
טרעשטשענדיק דורך אַלע מיינע גלידער —

— — — — — — — — — — — — — —

ס׳שווימען צוויי שוואַנען אין גאָרטן־טייך,
מיין צער ווערט אַזוי שטיל און איינגעהאַלטן — —
ווי וואָלט איך מיין האַלז אויסגעשטרעקט איצט,
מיט לעצטן געזאַנג: כאָטש הימלען צו שפּאַלטן.

## דער פּיילנבויגן

(ל"ג־בעומר 1943)

פון לעבעדיקן לייב רבי עקיבאַ'ס
די אָדערן דעמאָלט אַרויסגעצויגן,
זיי זיינען ביזן היינטיקן טאָג איצט
געשפּאַנטע איבער אונזער פּיילנבויגן.

ביז דעם צילפּונקט געגנוי אים צו דערזען,
אין די צילנדיקע אונזערע אויגן,
ס'האָט רבי שמעון בן יוחאי אין זיין הייל
ספּירות אין ספירות אַלץ ענגער געצויגן.

יאָ, אַלץ ווייטער, אַלץ שטאַרקער צו טרעפן,
אונזער רוקן מיר האָבן טיף געבויגן,
געלאָזן טרעטן אים ווי דעם האַלב־רייף
פאַר אַ פעסטן געשפּאַנטן פּיילנבויגן — —

אָ, ער וועט דאָך אין צווייען צעברעכן,
אַז נאָך שטאַרקער, נאָך פעסטער אָנגעצויגן!
יעטווידעס האַרץ איצט אַ גיפטיקע פייל,
אינם צילפּונקט צו טרעפן אָפּגעפלויגן —

— — — — — — — — — — — — — —

## לא תרצח

(שבועות 1943)

איינער דעם אַנדערן, איין פאָלק דאָס צווייטע,
אַ געקוילע שוין טויזנטער, טויזנטער יאָר, —
אַלץ געשליפענער ס'ווערן די כלי־זיין! —
און אַלצדינג נאָר דעם „לא תרצח" צו מאַכן וואָר.

אָבער אַלע שווערדן, פיקעס און שפּיזן,
אַריינרייסנדיק זיך אינ'ם מענטשלעכן לייב,
שטומפּיק זיי ווערן און פּילע מיט פּגימות,
מיט זייער רציחישן „לא תרצח"־געשרייב.

האַרטער ווי יענער פעלזיקער סיני־שטיין,
אויף וועלכן דער „לא תרצח" דעמאָלט אויסגעקריצט,
ס'איז דאָס מענטשלעכע האַרץ, דאָס פאַרשטיינערטע,
פון אַלע אייביקייטן אָן ביזקעלע איצט — —

און אויסראָטן און אויסקוילן מ'וויל יענע,
ביז קיין איינאיינציקער פון זיי נישט בלייבן ס'וועט,
וואָס בלויז געוואַגט האָבן אין שטיין צו קריצן,
דעם „לא תרצח" אויף אונזער רציחישע ערד.



## אַ רות ליד

פון געשליפענעם קאָסע־קלאַנג, בועז,
הילכן האָפערדיק אַלע מיינע גלידער,
און אין מיין האַרץ וויינען סמוטנע אַזוי,
פון דיינע שניטער די פריידיקסטע לידער.

טראָג איך אַ העלד אונטער מיין האַרץ, בועז,
צי אַ זינגער מיט אַ זילבערנער האַרפע;
ווי ס'צוקט דאָס אין מיר — איז עס אַ סטרונע,
אָדער אַ שווערד אַ צוקנדיקע שאַרפע.

אָ, דיינע הענט האַלטן מיין קאָפּ, בועז,
ווי צום אויסזייען אַ גאָרשטן מיט קערנער;
איז עס די גין־גאָלדענע קרוין וואָס כ'שפיר,
אָדער פלעכטן זיך אַרום מיין קאָפּ דערנער?

איבער די פערשט פון דיינע פיס, בועז,
שפּעט־רעגן־טראָפּן פאַלן מיינע טרערן:
כ'ווייס עס אַ העלד איז עס און אַ זינגער,
זיין קאַמף, זיין טרויער נישט אויפצוהערן.

## פאַר דיר היי־יאָר

(אנשטאָט די פּיוואָניע־בלומען)

האָסט קיין איינציקע טרער נישט געהאַט פאַר מיר,
צו לעשן איצט מיין ברענענדיקן צער,
האָסט דען נישט געטראַכט דערפון, אַ רגע בלויז,
אַז מיין פיין ווערט נאָך גליאיקער דערפאַר?

אָדער איז דאָס אפשר דיין שטילער געדאַנק,
טיף אין דיין האַרצן אים געלייטערט ריין:
איז דען שענערס פאַראַן אין אונזערע טעג,
ווי פון אַ גליאיקן צער אויסצוגיין — —

אויף אַ דאָרן־צווייג כ'האָב אַ רויז געזען,
בין איך געבליבן שטיין פאַרטראַכט אַזוי — — —
ניין, נישט די גליאיקע רויז איז עס געווען —
דאָס הענגענדיקע, דאָס טראָפּעלע טוי!

אָ, ווי וונדערלעך שיין, ווי לויטערדיק ריין,
אַ וונדער ס'איז דער גאַנצער אַרום געווען —
דאַנק איך דיר דערפאַר, וואָס היי־יאָר אין מיין צער,
דאָס טראָפּעלע טוי כאָטש, כ'האָב עס דערזען.

## „נקום ינקם“

(שמות כ"א כ"א)

אַ ס׳איז קיין טראָפּעלע טוי נישט געווען,
און נישט אויף אַ בליענדיקע רויז —
דורך מיינע טרערן כ׳האָב אַ ווונד געזען,
ברענענדיק אַזוי אין גליאיק גרויס — —

און ווו איז זי נישט ? אין יעטווידן האַרץ !
אין מיטן הימל די פרילינג־זון !
און יעדער אויפגאַנג, יעדער אונטערגאַנג
דאָס רינענדיקע בלוט ס׳איז דערפון.

אַז ווו זיך ראַטעווען, רו צו געפינען,
אַז פול מיט טויט יעטווידער געדאַנק ;
און אין די נעכט די פולע לבנה —
אַ ציל־שייב פאַר צילנדיקן טאַנק !

ס׳האָט גאָט זי אַליין אַרויסגעהאַנגען, —
פונקט ווי זיין רעגן־בויגן אַמאָל !
ביז אָפּגעצאָלט ס׳וועט זיין די נקמה,
נישט פעלן ס׳זאָל אַ האָר אין באַצאָל.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין שעלטער 63 מענסעל סטריט, א.1., 3 אַזייגער)

שבת דעם 19־טן יוני אַ פאָרטראָג פון ע. וואָטערמאַן איבער גאָרקי

שבת, דעם 26־טן יוני, וועט זיין אַ פאָרטראַג איבער די פאָלקס־לידער פון די פעלקער. די זינגערין לאה פייגענבלום וועט זינגען יידישע, איטאַליענישע און פראַנצויזישע פאָלקס לידער, די זינגערין חדוה גיטליס העברעאישע און סלאַווישע, און די זינגערין קאַטרין יודעל ענגלישע, שוועדישע, נאָרוועגישע און אַמעריקאַנישע.

שבת, דעם 3־טן יולי, וועט אליהו פאָלושאַק האַלטן אַ פאָרטראַג : „דער סוף פון אַן אַסימילאַציע“.

שבת, דעם 10־טן יולי, וועט זיין אַ פאָרטראַג איבער שבתדיקן זמירות, דער דריגענט יעקב שערמאַן וועט זינגען אַלטן זמירות־נוסח און חסידישע ניגונים ביי רבישע טישן. י. ביטש וועט רעציטירן מענדעלעס איבערזעצונגען פון זמירות, די שוישפּילערין דאָראַ דימענט וועט ליינען די דערציילונג „שבת“.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג און דרוקעריי
י. נאַראָדיצקי, 131-129 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

**6 פענס**

---



# יידישע קריטיקער

---

## איבער יידישע קריטיק און קריטיקער

דאָס האָט געזאָלט זיין דאָס דריטע העפטל אויף דער טעמע „יידיש שאַפן אין לאָנדאָן“. דאָס ערשטע איז געווען דער „אָנהויב“, דאָס צווייטע „דער איבערגאַנג“, און דאָס האָט געזאָלט זיין איבערן איצטיקן און ווייטערן שאַפן אין יידישן לאָנדאָן. אַז דער פּלאַן האָט זיך טיילווייז געענדערט און דאָס איצטיקע העפטל באַהאַנדלט אַן אַנדערן אָביעקט, האָט עס אפנים צו טון מיט דעם איינפאַכן נאַטור־געזעץ: מ׳מוז אַמאָל מאַכן אַ שריט אויף צוריק כדי צו קאָנען געבן דעם געצילטן שפרונג...

די ערשטע צוויי עסייען זיינען געווען איבערן בראשית פונם יידיש־שרייבערישן אָנהויב דאָ — איבער אַן אַרויספיקנדיק פייגעלע ערשט פון שאָל ! — איז געווען דער עיקר געדאַנק, צוגיין צום שטאָף וואָס צאַרטער, וואָס ווייכער אים באַרירן: נישט דעם „קריטישן“ מעטאָד דערביי אָנצווענדן, נאָר די פרייד מיטצופילן ווי איינער פון דער קליינער משפחה בשעת זי פאַרמערט זיך. אַ העלפנדיקע וואַרעמע האַנט צולייגן ביים אָפּנעמען דאָס שוואַך־געבוירענע ! ווער קאָן דען זען און ווער וויל דען זען, ביים פריש געבוירענעם, אַז ס׳איז נישט אַזוי מיט אַלעמען. און ווער גלויבט דען נישט — אַז מ׳איז נאָנט דערצו און מ׳וויל ס׳זאָל לעבן בלייבן, און מ׳וויל נישט אויסגיסן דאָס קינד מיטן וואַסער ! — אַז דאָס צו איבעריק גרויסע בייכל וועט זיך איינגעבן, ווי ביי אַלע פריש־געבוירענע, די נאָך בלינדלעך־בלינצענדיקע אייגעלעך וועלן ברוך־השם זעענדיק ווערן. און וועלכע פריש־געבוירענע האָבן דאָס נישט די „ענגלישע־קרענק“ ?

אָבער אַז די „איבערגאַנגס־צייט“ מיט פּאָקן און מאָזלען און אַלע אַנדערע פאַרשלעפּטע קינדער־קראַנקהייטן זיינען שוין כמעט פאַראיבער, און מ׳גלויבט, אָדער מ׳וויל גלויבן מאַכן, אַז מ׳האָט אַ דערוואַקסענעם און לעבנספעאיקן, דעמלט איז שוין דער חוב וואָס קריטישער, וואָס ערנסטער צוצוגיין צום ענין — דעם דערוואַקסענעם, און נאָכמער דעם וואָס האַלט זיך שוין גרויס און דערוואַקסן, נישט העלפן נאָך מער זיך איינריידן און פאַרצערטלען. דעריבער, פאַר דעם שווערן שפרונג פאָראויס, מיט פולן אחריות צו קענען זיך אַרויסזאָגן איבער דעם איצטיקן און ווייטערן שאַפן פון יידישן לאָנדאָן, דעם שריט אויף צוריק: אַ פּאָר ווערטער איבער דער יידישער קריטיק בכלל און איבער דער קריטיק דאָ אין אונזער ישוב.